STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11762

LIDER

Max Sherman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לידער
פון
מאקס שערמאן

ארויסגעגעבן פון
מאַקס שערמאַן שריפטן־קאָמיטעט
לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.
נאָוועמבער, 1934

PUBLIC LIBRARY
OF THE
CITY OF DENVER
NO LONGER PROPERTY OF

F 14111

"LEEDER"

(POEMS)

by

MAX SHERMAN

Copyright by
MAX SHERMAN
LOS ANGELES, CALIF.
1934

PRINTED BY
ECONOMY PRINTING CO., LTD.
315 E. EIGHTH ST. LOS ANGELES, CAL.

מאקס שערמאן שריפטן־קאָמיטעט
לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.

●

עקזעקוטיווע

ב. גרינפעלד (בראָנזווילער סטאָליער)
פּאָרזיצער

סערע מענדעל — סעקרעטער

א. באַביטש (רעדאַקטאָר פון „קאַליפאָר־ניער אידישע שטימע")
ה. אייבראַמס
ס. בראודא
ס. לעוויצקי
ל. לעווינסאָן

קאָמיטע

ש. נאומאָוו
פּינטשע בערמאַן
ב. באַטשעלים
י. טילעס
ר. דיימאָנד
י. מאַנדעל
ב. גאָרדאָן
נ. פינקעלשטיין
נ. נאָרמאַן
א. ריימאַן
מ. פרימאַן
מאָלי גרינפעלד
ליובא באַביטש
ראוז נאָרמאַן
גאָלדע דיימאָנד
אנא איזגור
פעני עלשטיין
ליובא בריינין
פעני פרימאַן
פעני ריימאַן
מערי ריטשמאַן
חנה שערמאַן

פּאָרטלאַנד, אָר.

י. וויינשטיין
פּ. סאָבעל
פּ. סאָמערס

אַ דאַנק

מיין האַרציקן דאַנק צו מיינע אינטימע פריינט פון דער שריפטן־קאָמיטע, וועלכע האָבן מיט אַזאַ אינטערעס גענומען אויף זיך די אויפגאַבע אויפצוזאַמלען מיין גייסטיק פאַרמעגן אין בוכפאָרם און פאַרשפּרייטן מיינע לידער צווישן אַזאַ גרויסע צאָל לייענער.

אַ ספּעציאלן דאַנק וויל איך אויסדריקען די חברים, א. באַביטש, רעדאַקטאָר פון דער „קאַליפאָרניער אידישער שטימע" און ב. גרינפעלד (בראָנזווילער סטאָליאר) פאר זייער איניציאַטיוו אין דערמוטיקן מיר ארויסצוגעבן די זאַמלונג.

אַ באַזונדער דאנק די קאָלעגען ישראל אָסמאַן, אונזער חשוב׳ן דיכטער ה. רויזענבלאַט און דער דיכטערין ראָזאַ נעוואַדאָווסקא, פאר זייער מיטהעלפן אין דעם אויסוואל פון די לידער.

איך וויל אויך דערמאָנען דעם אַרטיסט ד. מאָיזים, פאר די צייכנונגען און דעם פריינט נ. פינקעלשטיין פאר זיין השגחה אויף דער טעכנישער זייט פון בוך.

מיט אַכטונג,

מאַקס שערמאַן.

אָ פ ט י י ל ו נ ג ע ן :

ספּיראַלן

פֿאַר זיך

געזאַנג

טיפֿען

לאַנדשאַפֿט

צייט־מאָטיוון

צער

מיין באַנעם

געווידמעט:

גאָסי עטקין־שערמאַן

מיין ליבן חבר

און לעבנס־פריינט

ספּיראַלן

ספּיראַלן

אַ רינג פון ספּיראַלן,
פאַרדרייט אין געדריי
ווי שפּינוועב אין קרייז
דרייט אַלץ זיך אין זיי.

אַהין און צוריק —
אַרויף און אַראָפּ...
אין צירקל־געדריי
אַ לויף־אין־גאַלאָפּ.

דער אָנהויב פאַרבאָרגן —
פאַרשלייערט דער סוף...
ווי רינגען־ספּיראַלן —
דער אָנהויב אין סוף.

אויף בערג און וואולקאַנען
אין גייזערס און תהום'ען,
ספּיראַלן אין לופטען,
אין שטראָמען פון ים'ען.

די זון און די שטערן
אין רונדן געיעג,
אַ ספּיראַלן־געדריי
אין קיילעכן וועג.

אַלץ קומט און פאַרגייט
אין ספּיראַלן געוועבן —
אַ רינג פון ספּיראַלן
די וועלט און דאָס לעבן.

איך זוך

באַגינען פרי,
אין זונען־שטראַל
און שפּעט ביינאַכט
אין שטערן־פאַל.
אין הימל הויך
אין טיף פון ים,
אין דונער־בליץ
אין קעלט און פלאַם.
אין וואָרעם־קריך,
אין פויגעל־פלי
אין בוים און בלום,
אין פייער־גלי.
אין ווייכן ליים
אין האַרטן שטיין,
איך זע פאר זיך
אין גאנצן רוים
אַ טיפן סוד,
וואָס כ'וויל דערגיין.

וואָס טו איך דאָ?
צו וואָס מיין זיין?
צו וואָס די פרייד,
פאַרוואָס די פיין?
מיין בענקשאַפט טיף —
פון וואָס זיך נעמט,
פאַרוואָס ווער איך
פון צער פאַרקלעמט:
דערשראָקן פון
אַ פייער פלאַם
פאַרוואונדערט פון
דער מאַכט פון ים.
פון אלץ, וואָס לעבט,
איך ווער אַנטציקט,
נאָך וואָס בין איך
אַהער געשיקט?
איך ווער פאַרגאַפט
פון גאָטס געהיים,
וואָס איז פון וועלט
און מענטש דער מיין?
איך גאַר און זוך
און וויל פאַרשטיין —
און כ'קען נאָך ניט
דעם סוד דערגיין.

אַ פונק

אין דעם פונק פון דעם לעבענס־באַגער
וואָס די צייט האָט פאַרטראָגן אַהער,

אין שימער, אין שאָטען, אין שיין: —
מישט דאָס לעבן פריידן מיט פיין.

פינקלען פונקען פון נאָענט און פון ווייט —
לויכטען־לעבענס־זיך־אויס אין דער צייט...

אינם פינקלען פון שימער און שיין —
איז אויך דאָ דער פונק פון מיין זיין...

פון זונענשיין

פון זונענשיין,
אין רוים צו זיין,
בליט אַ פלאַנץ אַרויס:
פון לעבענסקוואַל
אין צייט אַ שטראַל,
לויכט אַ לעבן אויס.

די מענטש־געשטאַלט
האָט אויסגעשטראַלט,
פון באַשאַפס געהיים:
פון אָט דעם שיין
שטראַלט אויס מיין זיין —
אין צייט, אין רוים...

די צייט

סעקונדן, מינוטן און שטונדן —
זיי לויפן, זיי ווערן פאַרשוואונדן.

די טעג, די חדשים, די יאָרן —
אין אייביקייט ווערן פאַרלאָרן.

אַזוי לויפט די צייט אין גערעג —
דער נעכטן — בליץ־שנעל גייט אַוועק.

דער היינט האָט אַ קליינעם באַדייט,
דער מאָרגען — פאַרנעבלט אין ווייט.

די צוקונפט — אַ סוד פון דער צייט.
דאָס אַלטע אין נייעם זיך בייט.

און איך, ווי אַ נישטיקער שטויב,
ווער נעלם אין ווינט —
בין דאָ אַ מאָמענט —
אין צייט — ווי אַ רגע ב'פאַרשווינד...

די וועלט

די גאַנצע וועלט
איז מיין געצעלט.
זי ווערט פון מיר געפירט;
וואו איך בין,
איז דאָ אַ זין
און אַלעס עקזיסטירט.

אָן מיר דאָ,
איז גאָרנישט־דאָ.
קיין זאַך האָט ניט קיין ווערט,
און ווי נאָר איך
אליין פארגיי —
ווערט אויך די וועלט צעשטערט.

יעדער מענטש

אַ וועלט איז פאַר זיך יעדער מענטש,
אַ צענטער־פונקט אין אוניווערס;
און וויכטיק פאר זיך ווי די וועלט,
אין גאַנג מיט איר מאַכט און איר גרויס.

דער גלי־פלאַם פון אלעס בין איך
און אלעס פון מיר נאָר געווענדט —
און ווער נאָר עס קומט מיר אין וועג,
דער ווערט פון מיין פייער פארברענט.

וואָס באַדייטסטו?

דרייסטיקע, גייסטיקע
שאַפּענדע קראַפט,
שטערענדע, ווערענדע
קוואַלענדע האַפּט,
שוועבענדע, שטרעבענדע
יאָגענדע צייט,
וואָס איז דיין ציל
און וואָס דיין באַדייט?

לעבענדער, שטרעבענדער
ליידענדער פּיל,
בענקענדער, דענקענדער —
וואָס איז דיין ציל?
פילענדער, ווילענדער
זוכענדער רו —
שטערבליכער מענטש
וואָס באַדייטסטו?

קיין אייביקייט

קיין זאַך געשטייט...
וואָס קומט — פאַרגייט,
קיין אייביקייט
פאַר קיינעם דאָ:
די זון אליין,
מוז אויך פאַרגיין —
ווען ס'קומט די צייט,
ווען ס'שלאָגט די שעה...

פאַר זיך

לעבענס פרייד

איך האָב אַ גאָרטן מיט בלומען געפונען —
פון דורות פארפלאנצט און פארזייט.
האָב איך אויך זיך מיט פלאַנצן פאַרנומען —
האָט אויפגעבליט — טרויער און פרייד.

עס בענקט מיין האַרץ

עס בענקט אַזוי
מיין האַרץ נאָך דיר...
און דו ביסט דאָך
אין שטוב מיט מיר.
מיך ציט און נאָגט
אַ פרייד געמיט
און זאָגן דיר
דאָס וואג איך ניט.

איך זע, מיר דאכט,
ביזט אויך געקווועלט,
די זופסט וואו דו
און וואָלסט געוואָלט
צוטוליען זיך
צו מיר מיט פרייד
ווילסט לינדערן
דיין בענקשאַפט־לייד.

מיר ביידע שטיל
מיט איין פארלאנג.
מיר ליידען שטום
פון איין געדאנק
די מענשן־שפראך
איז פראָסט צופיל
פאר הערצער צוויי
מיט איין געפיל...

מיין טייער קינד

מיין טייער קינד, דורך טאָג און נאַכט
א גרוס צו דיר דיין פּאַפּא דענקט,
פון דיר ליב קינד, דיין פּאפּא טראַכט,
נאָך דיר, מיין קינד, דיין פּאפּא בענקט.

פון זיין געלעגער, פרי באַגינען,
דיין פּאַפּאַ צו דיר ברכות שיקט,
דיין פּאפּא האָט נאָר דיך אין זינען,
פון שלאָף געדריבט, ווען פּאפּא ליגט.

עס קלעמט און בענקט מיין הארץ נאָך דיר,
איך וואָלט דיך וועלן זעהן, מיין קינד,
פארוואָס ביסטו נים געבען מיר? —
איך פרעג מיך נאָר, פאַר וועלכע זינד...

צו מיין טעכטערל

פון שטרייטן מיד
פאַרן שטיקל ברויט,
באַקלעמט, פאַרווירט
פון פיין, פון נויט, —
פון שקלאַפּעריי־יאָך
מיט זאָרג געקווּעלט
און נישטיק ווערט
פאַר מיר די וועלט: —

ווען נאָר אויף דיר,
איך טו אַ בליק,
ווערט פול מיין האַרץ
מיט פרייד און גליק.
נאָר דו, מיין קינד,
ווישסט אָפּ מיין שמאַרץ,
פילסט אָן מיט האָפנונג
מיין האַרץ.

מיין לעבענס־גליק

מיין לעבענס־גליק,
מיין לעבענס־וואונש,
מיין נחת, טרייסט און רו;
מיין ליבער זון,
נשמה מיינס,
מיין גייסטיק קוואל ביסטו.

דו זאָלסט אַליין
מיין גליק פאַרשטיין,
דורך־לעבן, וואָס איך פיל;
מיין בליק אויף דיר —
מיין תפילה־שיר —
מיין פרייד און מיין געפיל.

פאַרוואָס ?

מיר זיינען אלע מענטשן ליב —
אונ זאָרגן זאָרג איך — נאָר פאר צוויי,
מיין גאַנצע וועלט — דאָס זיינען זיי,
אַ סוד — פאַרוואָס דאָס איז אַזוי ?

איז וואו איך גיי
און וואו איך שטיי,
איך בענק נאָך זיי
און דענק פון זיי,
און נאָר איך טראַכט,
אויב גוט איז זיי...

אויב ס'פעלט זיי וואָס —
איז גרויס מיין פיין.
דאָס לעבן גייט מיר
גאָרנישט איין...
איך טראָג מיין יאָך —
ס'זאָל גוט זיי זיין.

מיר זיינען אלע מענטשן ליב,
און זאָרגן זאָרג איך נאָר פאר צוויי...
מיין גאַנצע וועלט — דאָס זיינען זיי,
אַ סוד פאָרוואָס, דאָס איז אזוי?

ווען דו וואָלסט געווען לעבן מיר

ווען דו וואָלסט געווען לעבן מיר —
פיל זיכערער וואָלט איך געפילט.
איך וואָלט זיך געטוליעט צו דיר,
ווי אַ קינד צו דער מאַמע'ן, פון וויינען געשטילט.

ווען דו וואָלסט געווען לעבן מיר —
איך וואָלט דיך געקושט אזוי צאַרט,
איך וואָלט זיך געטוליעט צו דיר —
איך וואָלט דיך שוין זען דאָ געגאַרט!

ווען דו וואָלסט געווען לעבען מיר —
איך וואָלט זיך דאָך גליקליך געפילט,
די קינדער צוזאַמען מיט דיר
דאָס וואָלט דאָך מיין בענקשאַפט געשטילט.

אליין

שטענדיק אַליין, אין אַ שטימונג פון יאוש,
איך האָב ניט צו קיינעם אַ וואָרט אויסצורײדן,
פון ווען װאָס הערען, מײן קימער אָבוועגדן
און אויך ניט מיט וועמען צו טיילן די פרײדן.

ווי פעלסטו מיר אוים אַהיים ווען איך קום,
אין פריידיקער שטימונג פון האָפן און שטרעבן —
ווען פלענער פון צוקונפט שיינע זיך וועבן —
ווי גליקליך מיר זיינען צוזאַמען אין לעבן.

דו קומסט מיר אַנטקעגן מיט ליבע באַגריסן,
מיט מוטיקן שמייכל געמיט מיין דערפרישן.
מיין אויסזיכט און שטרעבן דיר וויל איך דערציילן;
צוזאַמען מיט דיר וועל איך פריידן געניסן,
מיט דיר, מיין געליבטע, מיין גליק וויל איך טיילן.

און אין אַ צייט פון שטימונג געדריקט,
ווען אַנטוישט בין איך, מיד פון לעבנס־יאָך שווערן,
מיין האַרץ פון פאַרדרוס ווערט אין שטיקער צעריסן,
מיט גרויזאַמקייט וויל מיך דער יאוש פאַרצערן,
און ווערטלאָז דערשיינען מיר לעבן און שטרעבן.

ווען דו קומסט מיר אַנטקעגן מיט ליבע באַגריסן,
מיט אַ שמייכל אַ זיסן געמיט מיין דערפרישן,
פאַרשווינדט דאַן מיין אומעט מיט אַלע פאַרדרוסען,
מונטער, כ׳דערפיל זיך: די וועלט צו פאַרגעבן,
און גליקליך בין איך, פאַר דיר ווידער צו לעבן.

פאַר דיר, מיין געליבטע

פאַר דיר, מיין געליבטע, זינג איך מיין ליד...
מיין האַרציק געפיל, מיט דיר וויל איך טיילן.
כ'האָב דאָך מיין לעבן פארבונדן מיט דיר —
איך וויל מיין געזאנג זאָל דיר דאָך געפעלן.

כ'קלייב מיינע ווערטער, די זילבן איך צייל —
אויפ'ן ריכטיקן אָרט דעם טראָפּ וויל איך שטעלן.
און מיט אינהאַלט דערהויבן, שאַרף־איך מיין שפּראַך,
איך בין דאָך נאָר אויסן — דיר זאָל עס געפעלן.

און זינג איך מיין ליד, פון נויט,צי פון פרייד —
איז מיין בליק און געדאנק—צו דיר נאָר געווענדט...
ווען איך דערשפּיר, אז צופרידן ביסטו —
דערפיל איך מיך זיכער, דאָס שטאַרקט מיינע הענט.

מיט דיר בין איך רייך, מיט דיר פיל איך גוט.
מיין גייסטיק פארמעגן, צו דיר מיין געזאנג!
מיין לעבן און שטרעבן אַ תיקון געפינט,
ווען איך ווייס, דיר געפעלט מיין ליד און געדאנק.

דערהויבן, באַגייסטערט, פיל איך באַווירקט,
ערשט איצט הויבט מיר אָן צו געלינגען.
איך בין דאָך נאָך יונג, צו דיר איז מיין ליד,
ביזן סוף פון מיין לעבן,פאר דיר וועל איך זינגען...

ווען איך וואָלט צייט געהאַט

ווען איך וואָלט צייט געהאַט,
מיט זיך אליין צו בלייבן;
איך האָב געדאַנקען דאָך,
וואָס ס'בעטן זיך פאַרשרייבן.
איך האָב פון מיין זכרון,
געגנוג וואָס אויסצוקלייבן,
דערפאַרונגען, באַגריפן,
וואָס דאַרפן דאָ פאַרבלייבן...
מיין קינדהייט און מיין יוגענט —
אַ רייכע פּאַנאָראַמע.
אַ ברודער, שוועסטער טרייע,
די באָבע, מיין ליבע מאַמע.
אַ מענטשען גאַלעריע,
פיל שטעט און וועלטטיילן,
וואָס לעבן־אויף פאַר מיר —
און בעטן פון זיך דערציילן...

געזאַנג

די מענטשליכע וועגן

עס זיינען פאַרשידן די מענטשליכע וועגן —
כ'האָט יעדער זיין זינען, זיין בליק...
אלע מיר טרעטן אויף דיזעלביקע שטעגן —
דאָך, זוכט זיך אַ יעדער זיין גליק.

אַ רינג איז דער מענטש אין קייט פון די דורות,
אַ ווייניקער טייל נאָר, אַ גליד...
לעבט דאָך יעדער מענטש זיין אייגענעם לעבן,
און יעדערער זינגט זיך זיין ליד...

קינדערליד

אין דרויסן איז איצט
קאַלט און נאַס,
מאַמע לאָזט ניט
גיין אין גאַס.

זומער, — זאָגט זי —
ווען ס'איז שיין,
וועל איך קענען
אינדרויסן גיין.

ווען דער זומער
גרינט און ווינקט,
ווען דער פייגעל
טרילט און זינגט —

ווען די לופט איז
מילד און שיין,
קענען קינדער
דרויסן גיין...

פויגל, קום
צופליען באַלד,
ווען דו קומסט
גרינט דער וואַלד.

פויגל, פויגל,
פלי אַף גיך,
ברענג דעם זומער
מיט־מיט־זיך.

וועט זיין זומער,
וועט זיין שיין,
וועל איך קענען
אינדרויסן גיין...

מענטש מיט פרייד

מענטש, מיט פרייד
זינג מיט מיר,
אַ לוסטיק ליד,
פון לויב אַ שיר.

דיר איז, מענטש,
דאָס גליק באַשערט,
צו דיר געהערט
אַ שיינע וועלט.

דו זעסט און הערסט,
דו האָסט אַ שפּראַך,
אַ פילענד האַרץ,
פאַרשטאַנד אַ סך.

האָסט פּרוכטן פיל —
ברויט און זאַלץ...
און וואַסער פריש —
דו האָסט פון אַלץ.

בערג און טאָלן
און ים'ען טיף —
און פאַרבנרייך,
איז דיין באַגריף.

אַ זון דיר שיינט,
מיט גייסט באַזעלט —
פילט אָן מיט לעבן
די גאַנצע וועלט...

מענטש, מיט פרייד
זינג מיט מיר,
אַ לוסטיק ליד,
פון לויב אַ שיר...

טראָט ביי טראָט

טראָט ביי טראָט, פון אָרט צו אָרט,
איך זוך פאר זיך אַ שטעג,
אַמאָל דורך טאָל, אַמאָל אויף בערג
געפין איך דאָך אַ וועג.

איך גיי פאָראויס און טראָג מיט־זיך
אַ סך געדולד און מוט...
דער וועג ווי שווער — דאָס איז קיין שטער,
איך ווייס, מיין ציל איז גוט.

איך יאָג זיך ניט, באַקלאָג זיך ניט,
איך ווער פון גאנג ניט מיד,
איך ליב דאָס גיין אין וועג אליין,
בשעת איך זינג מיין ליד.

איך ווייס נישט פֿאַרוואָס...

איך ווייס ניט פֿאַרוואָס —
אוּן געדענק ניט, זינט ווען —
עס בענקט זיך נאָך דאָס,
וואָס איז גאָרניט געשען.

עס נאָגט אַזוי טיף
אַזאַ שטומער געפֿיל,
אַ יאוש באַגריף
עפּעס מאָנט אין דער שטיל.

ווער איז עס אין וואו?
אָט דער „עפּעס"-פֿארלאַנג?
וואָס גיט מיר קיין רו
און וואָס טוט אזוי באַנג...

עס ציט מיין האַרץ

עס ציט מיין האַרץ און בענקט נאָך וואָס...
איך ווייס אליין נישט וואָס עס וויל.
עס נאָגט אַ פּיין, א יאוש־פּאַרדרוס,
אַ שטילער צער, אַ וויי־געפיל,

עפּעס מאָנט אַ שטום באַגער —
מיין אומרו שטיל מיך ציט וואוהין...
עס ווערט מיר איינג דאָ וואו איך בין,
צו וואָס רופט עס פון דער ווייט מיך, ווער?...

יוגענט זיסע

מוטיק־פרישע, יוגענט זיסע,
גאָטס געבענשטע צייט!
יוגענט רייכע, יוגענט ליבע,
דו ביזט פון מיר ווייט...

ברענגען טאָג־און ־נאַכט די עלטער —
ווער איך אויסגעשעפּט;
מער באַגריף איך האָב פון לעבן —
ווער איך אָפּגעלעבט.

בענק איך נאָך אייך, יוגענט־יאָרען,
שנעל ווי איר פארשווינדט!
דענק־איך, וואָס איך האָב פאַרלאָרן —
וויינט־זיך, ווי אַ קינד...

פארנאכט אין קאָרנפעלד

פאַרנאַכט אין קאָרנפעלד —
גערענקסטו, ליבסטע מיין,
ווען מיר האָבן שפּאַצירט
פון דאָרף אין שטאָט אַריין?
אין פּורפּור איינגעהילט
האָט זיך די נאַכט פאַרשפּרייט,
די זונענשטראַלען מילד
האָבן דעם טאָג באַגלייט.

דו האָסט געמורמעלט שטיל!
— ווי שיין עס איז, ווי שיין...
איך וואָלט אַ לעבן לאַנג
געוואונשן אַזוי גיין...
געטוליעט זיך צו מיר
מיט ליבע אַנגענעם —
אויף יענעם וועג מיט דיר,
ווי כ׳וואָלט געוואונשן גיין!

מיינע קוואַלן

אויסגעגראָבן אין דער יוגענט
האָב איך קוואַלן צוויי...
אַ לעבן לאַנג, אַ פריש געטראַנק
האָב איך געשעפּט פון זיי.

האָב איך מיינע קוואַלן — נעמען
פּאַסענדע געגעבן.
איינעם אָנגערופן — האָפן
און דעם צווייטן — שטרעבן.

האָבן מיר געדינט די קוואַלן
שטענדיק זייער גוט...
געשטראָמט מיט פרישקייט האָט פון זיי,
פול מיט יוגענטמוט!

איצטער אָבער טרעפט עס אָפט,
אַז מיינע קוואַלן צוויי —
שטראָמען מער ניט ווי אַמאָל
און עס פאַרדריסט אזוי...

אַ שטראַל פון זונען־שיין

אַ שטראַל פון ליכט און זונענשיין,
זאָגט אָן, אז שיין דער טאָג וועט זיין.

אַ חיות פיל איך אין מיין ברוסט —
ווער איך פריילידך, פול מיט לוסט.

ס'רופט דער שטראַל צו פרייד און לעבן,
מונטער ווער איך, פול מיט שטרעבן:

באַלד, אָט באַלד, איך זע עס גערן —
דוכט מיר, גליקליך וועל איך ווערן.

אָט, פארשווינדן מיינע ליידן,
לעבן וועל איך איצט אין פריידן.

נאָר, גאָרניט לאַנג האָט דאָס געווערט,
אַ וואָלקן האָט מיין גליק צעשטערט.

האַרבסט־מאָטיוו

וועך מאַכט מיין שטימונג
איצט שווער, אַזוי טריב?
און וואו איז עס די זון
וואָס לויכט אַזוי ליב?

די בלעטער, וואָס וועלקן?
זיי געלן און פאַלן...
צו דען וועט מיין לוסט אויך
אויף שטענדיק פאַרפאַלן?

צי איז דען מיין פרייד
מיטן זומער פאַרלאָרן?
און בלייבן וועט ווי איצט,
ווען ס'איז כמאַרנע געוואָרן?

אָדער דער דריקענדער
האַרבסט וועט פאַרביי
און קומען דער זומער,
וועט דאָך אויפדאָסניי?

ליבע, שיינע וועלט

ליבע, שיינע וועלט,
רייך ביסטו, נאַטור...
געזונט און שטאַרק איז אַלץ,
אויף דער מוטער ערד.

מילד מיט לוסט און פרייד,
בליקט די בלום מיט פארב,
נאָך צויבערפולער ווינקט
אַראָפּ דער הימעל אונז.

נאָר דער שלעכטער מענש,
וואָס קען דאָס לעבן ניט,
מיט זיין קנאה, האַס,
פּניות פאַלשע פיל —

מיט זיין גיפט־און־גאַל,
פאַראומרייניגט די ערד...
מאַכט אַ יאָמער־טאָל,
פון מיין שיינער וועלט...

וואו נעמט מען א פריינט

עס דריקט מיך אן אומעט
איך בין איינער אליין,
וואו נעמט מען אַ פריינט אַ געטרייען?
וואָס זאָל מיך באַגרייפן
און וועלען פארשטיין:
ער וואָלט מיך פון עלענט באפרייען.

איך וואָלט אים פארטרויט,
ווי עס וויטיגט מיין האַרץ,
ווי איך לייד שוין, צייט לאַנגע יאָרן:
וואָלט געהערט נאָר מיין פריינט
פון מיין ליידען און שמאַרץ:
וואָלט זיכער, מיר גרינגער געוואָרן.

עס דאַרף אַזוי זיין

פריידן און גליק, אַזוי זעלטן —
עס לוינט ניט דערמאָנען דאָס גאָר...
שטענדיג צו זאָרגן פאַרשאָלטן —
איך בענק נאָכן קומער שוין נאָר.

ניט צו פאַרגעסען דאָס לעבן,
געדענק איך מיין אומעט און פיין...
וואָס מערער זאָרגן עס געבן,
מער דענק איך — עס דאַרף אַזוי זיין...

מיין פרילינגס־ליד

עס האָט מיין פרילינגס־ליד
לאנג שוין אויסגעקלונגען...
פארוואָגעלט, מיד,
פאַרוועלקט מיין יוגנט־קלאַנג.
גרויזאַם האָט די צייט
די טענער דומפּ פארשלונגען...
מיין פרילינגס־ליד,
מיין פרייד מיט מיין געזאַנג.

אַ פויגל פליט

זאָג מיר, פויגעלע, דעם זין,
זאָג מיר דעם באַדייט:
צו וואָס דיין פליען איז, וואוהין,
אין דער פרעמדער ווייט?

נאָך וואָס פליסטו פויגעלע,
אין וויסטן פעלד אליין?
פארלאָזן דיין צווייגעלע
האָסטו, מיט אַ מיין?

פליסט דאָך פון דיין היים אַוועק
אין אַ פרעמדער ווייט,
וועסטו דאַרפן ביי דעם נייעם ברעג,
בויען אַ געצעלט!

פלאַטערט מיט די פליגלאך
— דאָס פויגעלע אין לופט
מיט אַן אימפעט שנייט פאַר זיך
דורך דעם ווינט, די לופט.

טראָגט זי זיך אין דער פרעמד
צום באַשטימטן ציל.
— מיר קיין ענטפער גיט זי ניט
זי, פליט, וואוהין זי וויל...

אַ זונענאויפגאַנג

אַ פרילינג־זונענאויפגאַנג
האָב איך אַמאָל געזען...
לויטער גינגאָלד־שטראַלן —
ס׳איז העל דער טאָג געווען.
נאָר באַלד האָט אַ כמאַרע
פארשפּרייט זיך ארום —
פאַרטונקעלט די שטראַלן,
דאָס ליכט פון דער זון.

פארטונקעלט די שטראַלן
דאָס ליכט פון דער זון...

אַ פריידיג־שיינע יוגנט
האָב איך געהאַט אַמאָל,
געאַכט, געשעצט געווען
פון ליבע פריינט אָן צאָל.
מיין היינט איז אָן האָפן
מיט וואָלקען פארשטעלט —
אַן עלטער, אַ שווערע,
פון זאָרגן געקוועלט.

אַן עלטער אַ שווערע
פון זאָרגן געקוועלט...

ווען

ווייניק דערוואָרבן אין מיין לעבן, דעם שווערן —
און פֿאַראַן זיינען זאַכן אַזוי פֿיל אויף דער וועלט:
קענטניש און וויסן — אַזויפֿיל צו געניסן...
און לעבנסבאַקוועמקייט, וויפֿיל נאָך מיר פֿעלט.

און איך זע דאָך פֿיל מענשן געניסן פֿון אַלעס,
פֿיל ווייניקער באַשאָנקען מיט גייסטיקן גוטס:
אַפֿילו פֿון דעם, וואָס ביי מיר האָט קיין ווערט,
ציען דערפֿון דאָך, אויך אַנדערע אַ נוץ.

קען איך און ווייס וואָס, באַדייט דאָס דאָך ווייניק:
וואָס פֿאַר אַ ווערט האָט, דאָס אַלץ וואָס איך קען,
און וויפֿיל איך האָב שוין דאָס לעבן געלערנט, —
זוך איך און גאַר דאָך וואָס ניי צו דערזען.

דאַרום אַזוי אָרעם פֿיל איך זיך שטענדיק —
אַ וועלט נאָך צו לערנען, באַדענקען, דערזען...
און שווער, אַזוי שווער, איז דער יאָך פֿון דעם לעבן —
וועל איך נאָך אַמאָל אויך באַפֿרידיקט זיין ווען?

מיר האָט שוין דערעסן

מיר האָט שוין דאָס ניכטערע לעבן דערעסן,
איך וואָלט זיך געוואונשן אַ ווײַלע פאַרגעסן —

דעם ניכטערן וויסן, פאַרשטייַן און געדענקען;
די ווייען פאַרדרוסן פון לאָגישן דענקען.

דעם שטענדיקן שטרייט פאַרן קלוגליכן לעבן
דאָס נאַרישע האָפן און צוועקלאָזע שטרעבן.

מיט משקה פאַרגיסן, אין שכרות פאַרזינקען:
כ׳וואַג ניט און קען ניט מיין באַוואוסטזיין פאַרטרינקען.

איך בין אָפט מקנא, דעם שכור זיין זינקען,
וואָס קען זיין פאַרשטאַנד, זיין באַוואוסטזיין פאַרטרינקען.

טוט מיין האַרץ מיר וויי

(סאַטירע)

פאר דעם שטאַרקן און דעם שלאַפן,
פאר די פ״ייע און די שקלאַפן.

פאר די קלוגע און — נאַראָנים,
פאר די פריידיגע — גבאים...

די, וואָס שעלטן, די וואָס שטראָפן,
די, וואָס בענטשן, די וואָס האָפן.

די וואָס ליבן, די וואָס האסן,
די וואָס ליידן פאר די מאסן...

אלע ליידן דאָך אזוי,
טוט מיין האַרץ מיר וויי פאר זיי!

ניט שטראָף זיי פאר מיר

(סאַטירע)

רבונו של עולם,
ניט שטראָף זיי פאר מיר,
זיי זיינען געגוג שוין
געשטראָפט דאָך פון דיר.

דו האָסט זיי פארזען
עטוואָס ניט דערגעבן...
זיי קענען ניט אַנדערש
באַנעמען דאָס לעבן.

גיב זיי, גוטמוט־באַגריף,
דיין גייסט צו דערשפירן
ניט לאָז זיי אין זומפּ דאָך
דאָס לעבן פארלירן...

רבונו של עולם,
נישט שטראָף זיי פאר מיר,
זיי זיינען געגוג שוין
געשטראָפט דאָך פון דיר.

פריילעכס

— ? די צייט איז ניט גוט
— ! פארגעסט אַ מינוט
זים איז דאָס לעבן,
! אַ לעב געטאָן־גוט

טראלאלאלא, טראלאַלאלא,
זים איז דאָס לעבן
! אַ לעב געטאָן־גוט

? קיין פרנסה ניטאָ
! ? וואָס אַרט עס דיך דאָ
גענים, ווען דו קענסט,
! אין פריידיקער שעה

טראלאלאלא, טראלאַלאלא,
גענים ווען דו קענסט,
! אין פריידיקער שעה

? שלעכט זיינען מענטשן
! פארגעס זיך אָן־זוי
פאר איין פאַסקודניאַק
זיינען דאָ פיינע צוויי.

טראלאלאלא, טראלאלאלא.

פאר איין פאַסקודניאק
! זיינען דאָ פיינע צוויי

חסידישע באַמקע

(פּאַראָדיע)

אידן — שונאים, וואו מען קערט זיך,
טאַטע, פּאָטער, גאָטעניו,
גזרות־רעות שטענדיג הערט זיך
טאַטע, פּאָטער, גאָטעניו,

גזרות־רעות שטענדיג הערט זיך
בימבאָם, בימבאָם, טאַטעניו.

וואָגלען אידן אָן אַ תקומה,
טאַטע, פּאָטער, גאָטעניו,
האָב רחמנות אויף דיין אומה,
טאַטע, פּאָטער, גאָטעניו,

האָב רחמנות אויף דיין אומה,
בימבאָם, בימבאָם, טאַטעניו.

גלות גרויסער, שווער דאָס לעבן,
טאַטע, פּאָטער, גאָטעניו,
וואָלסטו כאָטש פּרנסה געבן,
טאַטע, פּאָטער, גאָטעניו,

וואָלסטו כאָטש פּרנסה געבן,
בימבאָם, בימבאָם, טאַטעניו.

מאַקס שערמאַן

יאָ, ס'איז שיין

(אוקראַאיניש)

— אַ רעדל פון בחורים מיט מיידלאַך, איינער אָדער איינע, מיט אַ דרוישפּיץ אויפן קאָפּ, געמאַכט פון אַ קישען, טאַנצט אינמיטן רעדל. אַלע זינגען און פּלעסקען צום טאַקט —

יאָ, ס'איז שיין,
יאָ, ס'איז שיין,
מאַכט אַ וואַרע גיכער;
בליהענד יונג,
בליהענד יונג,
העלדיש איז ער (זי) זיכער.
יוגנט מיינע,
יוגנט פיינע,
ליבינקע און שיינע;
לעבן מיינער
לעבן מיינער (מיינע)
מיין נשמה איינע.

וועמען ליבט ער?
וועמען ליבט ער?
נאָר פון יענער דענקט ער!
ליבע קושען,
ליבע קושען,
נאָר צו יענער (יענעם) שיינקט ער!

(דער אין רעדעל זינגט)

וועמען איך ליב, וועמען איך ליב,
נאָר פון יענע דענק איך,
ליבע קושען, ליבע קושען,
נאָר צו יענער שענק איך.

(ער טוט אָן די קישען אויף אַ מיידעל, און אַזוי ווידערהאָלט זיך די פּאַרווײַלונג).

טיפּען

דאָס מיידעל אין פענצטער

זי איז יונג, אזוי צאַרט,
מיט רייץ, פול מיט חן: —
עס פּאַסט איר צו זיין
פון בלומען די קרוין...

קוקט זי אין פענצטער,
גוטמוטיק זי לאַכט: —
מיט אינגלאך קעגענאיבער
באַקאַנטשאַפט זי מאַכט.

שפּאַסט מיט זיי פריילעך,
אי זאָרגלאָז, אי ווילד,
מיך מאַגנעטיזירט
איר יוגענטליך בילד.

איך ווייס ניט פארוואָס
זי בליקט ניט צו מיר?
כ'פיל מיך ניט שולדיק
מיט קיין שלעכטס צו איר.

ווען צו די אינגלעך
זי שמייכעלט מיט שפּאַס,
צו מיר — איך באַגעגן
אַ ברוגז און האַס...

איך מיין דאָך, חלילה,
קיין בייזעס מיט איר,
איז וועלכן פאָראורטייל
האָט זי געגן מיר?

צי דען מאַכט מיין עלטער
איר בליק פון מיר ווייכן?
מיין האַרץ מיט געפילן, קאָן
מיט יונגע זיך גלייכן.

מעלאַנכאָליע

שטענדיק צעשויבערט
אירע פעך־שוואַרצע האָר,
פאַרווירט און פאַרטראַכט
זעט מען זי נאָר.

זי זיצט אויפן גאַנעק
צעשפּילעט דאָס האַרץ,
די אויגען פאַרגליווערט,
דאָס פּנים איז שוואַרץ.

אויף די הענט אירע דאַרע
דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט,
איר בליק אין איין פּונקט
ווייט און פאַרשטאַרט.

פון פרי ביז ביינאַכט,
אויפ'ן זעלביקן אָרט —
איינזאם זי זיצט
און רעט נישט קיין וואָרט.

מען רופט זי — אָט די —
„פון ליבע דער קרבן"
אַוועק איר געליבטער,
— מען זאָגט, אַז געשטאָרבן.

זי לאַכט נישט, זי וויינט נישט,
זי רעדט ניט צו קיינעם
זי קוקט אין דער ווייט,
און זי זעהט נאָר איר איינעם...

מאמע און טאָכטער

די מאַמע אַמאָל איז אין חדר געגאַנגען,
אַלטמאָדיש, אין אַלץ פאַרצייטיק געווען.
די היינטיקע וועלט־פרייד, האָט איר ניט געקימערט,
אין צאינה וראינה איר טרייסט נאָר געזען.

איז שטענדיק מיט אַרבעט, מיט קינדער פאַרנומען,
פרום און באַשיידן — געהאָפט און געגלויבט.
אין פרייע מינוטן, ווי שבת און יום־טוב —
דעם בורא העולם געדאנקט און געלויבט.

די טאָכטער געבילדעט, האָט שפּראַכן געלערנט,
אַ גימנאַזיע דערציאונג באַקומען,
איז לאַכט זי פון אַרבעט און זוכט פאַרגעניגן —
מיט פוצן די נעגעל איז זי נאָר פאַרנומען.

סאַשאַ

סאַשאַ'ס זעלבסטווירדע
האָט זייער געליטן
פון דער רעכטלאָזיקייט
פאר אידן אין רוסלאַנד.
דאָך האָט ער דעם יאָך
געדולדיק געטראָגן
און ווי אַ חוב צו דעם לאַנד
אין דער ארמיי געדינט.

אין דער צייט פון פּאָגראָמען
איז סאַשאַ געווען
אין אידישן זעלבסטשוץ —
אַ קעמפענדער פירער.
און ווען ס'איז געקומען
דער קריג מיט יאַפּאַן
האָט סאַשאַ באַשלאָסן
רוסלאַנד פארלאָזן.

אַ פּאַכמאַן אַ גוטער,
בטבע אַ שווייגער,
שיין און געזונט,
מיט מוט און קוראַזש,
איז סאַשאַ פון רוסלאַנד,
מיט זיין פרוי און קינדער,
קיין דייטשלאַנד אַוועק
זיין היים דאָרט צו מאַכען.

ל י ד ע ר

גיך האָט דאָרט סאַשאַ
ארבייט געקראָגען,
גוט און צופרידן
זיך דאָרט איינגעלעבט.
די גרויסשטאָט בערלין
איז אים זייער געפעלן.
ווי א בירגער אַ פרייער
האָט ער זיך דערפילט.

פאר סאַשאַ'ן די פרייד
האָט לאַנג ניט געדויערט.
— די רוסיעש בירגער
פון סאָלדאַטען רעזערוו —
האָט מען באַפוילען
דייטשלאַנד פארלאָזען.
האָט וואַנדערן סאַשאַ
ווייטער געמוזט.

אַמעריקא איז סאשא'ן
דערוווידער געווען —
ער האָט בעסער געוואָלט
אין אייראָפּע פארבלייבן,
איז ענג דאָך אין ענגלאנד
און אָרעם איז פראַנקרייך,
און אידן אין מאַסן
קיין אַמעריקע פאָרן...

זאָגט סאַשאַ צו פריינט:
— לאָמיר פאָרן צוזאַמען,
מיר מוזען דאָך ערגעץ
אַ תקומה געפינען,
אויף מיינע הוצאות
איר וועט מיר באַצאָלן,
אין דעם „גאָלדענעם לאַנד"
וועט איר געלט דאָך פאַרדינען. —

אַמעריקא האָט סאשא'ן
גוט אויפגענומען.
ערטש דאָ, אין אַמעריקע,
האָט סאַשאַ אליין זיך געפונען.
ס'איז דאָ אַרבעט לרוב
און מען קריגט גוט באַצאָלט,
פרייען־זיך פריינט
אין דעם גאָלדענעם לאַנד.

און האַרציק איז סאשא,
צו קינדער און ווייב —
אַ חבר אַ ליבער,
אין דעם קרייז, וואו ער לעבט,
אָן פניות אַ פריינט,
וואָס קומט שטענדיק צו הילף
יעדען וואָס דארף,
מיט ראַט און מיט טאַט.

לידעב

אַ קינסטלער אַ פאַרבער,
געשיקט און געוואגט.
אין קופּאָלן, סופיטן,
אין דער הויך, אויף אַ סקעפּאָלד *)
געאיבט און געשווינד.
אַ מייסטער — אַ קינסטלער,
עס קען זיך מיט סאַשאַ'ן
קיינער פאַרגלייכן.

די צייט האָט דערווייל
אַ קריזיס געבראַכט.
אַ „סלעק" און אַ מורא,
ווי אַ פינסטערע נאַכט.
קיין אַרבעט ניטאָ
און מען דאַרף דאָך אַ סך...
אַ פרוי און דריי קינדער,
אין הונגער און נויט.

עס ציען אַזוי זיך חדשים אַוועק —
ווערט סאַשאַ אומרואיק,
פון דאגות באַקלעמט.
אַ יעדן פרימאָרגן,
טאָג־איין און טאָג־אויס,
לויפט סאַשאַ אַרום
און קומט מיד צוריק
אָן אַרבעט, פאַרשעמט...

---

*) אַ הייננג־פּלאַטפאָרמע פאר מויערער און פאַרבער.

א פרימאָרגן. מיט פרייד
איז סאשא פרי אויפגעשטאַנען.
די זון האָט געשיינט,
ער איז מוטיק געווען —
ער האָט ארבעט געפונען.
אויף אַ סקעפאָלד דערצו
וועט ער פארדינען
אַ פּאָר דאָלער מער.

און פלינק, ווי געוויינליך,
ציט סאַשאַ דעם סקעפאָלד
צום פינפטען שטאָק,
אויף בראָדווייער גאַס.
פּלוצלונג אַ ריס פון אַ שטריק,
און עפּעס אַ פאַל —
און מיט פארב און מיט בלוט,
עס ווערט נאַס די גאַס...

קיין אונטערשייד

מיאוס צו שיין —
קיין אונטערשייד,
פאַר דעם וואָס איז בלינד
און קען ניט דערזען.

קיין אונטערשייד,
לאַנגזאַם, צו שנעל —
טוסטו אַן אַרבעט,
מאַך עס גוט — אַלעמאָל.

אַן ארבעט אַ שלעכטע,
בלייבט שלעכט, ווי געווען;
ווי לאַנג ס'האָט געדויערט,
וועט מען שפּעטער ניט זען.

גערעכט, אָדער ניט,
קיין אונטערשייד:
ניט זיי אויפגערעגט,
באַדענק דיינע רייד.

ס'וועט זיין נאָר טעות
פון אויפרעג געמאַכט,
ס'ווערט אַ נאַרישקייט אויב
אין צייט ניט באַטראַכט.

קענסט דיין טעות דערפירן
צום אַבסורד און פארברעכן:
ניט זיין אויפגערעגט,
געדולדיג באַרעכן.

קיין אונטערשייד,
נאָענט צו ווייט.
דארפסטו וואו קומען,
זיי דאָרט אין צייט.

קיין אונטערשייד,
אַ מינוט צו אַ שעה —
האָסטו פאַרשפעטיקט,
בלייבסטו שוין דאָ!..

לאַנדשאַפֿט

אין אַ האַרבסט־פאַרנאַכט

אין אַ האַרבסט־פאַרנאַכט
מיט אַ שווער געמיט
האָב איך פארלאָזן די שטאָט
פון אייזען און שטיין,
פון דער ענגשאַפט אַוועק,
וואו די עלענט איז גרויס
און דער מענטש מיט זיין צער
קען נישט בלייבן אליין.

אין די קעטסקילס

אָט זעט זיך אַ לאָנקע,
דאָרט אין דער ווייט...
אַ וועלדל אַ גרינער
וואַכט ביי דער זייט.

אַ ווייסינקע שטיבעל
שטייט דאָרט אַליין —
און אינמיט פון אַ פעלד,
איינזאַם — אַ בוים.

אַ לאָנקע אין בליהונג,
ווייס ווי אַ שניי —
דערביי איז אַ צווייטע
באַוואָקסן מיט היי.

אַ דריטע — מיט קאָרן
רייען פארזייט,
און בלומען אָן סדר,
וואַקסן צעשפּרייט.

דאָ, אַ רויט פייערל —
אַ פלעמעלע גליט...
אַ בלום אויף אַ צווייגל
אנטקעגען זון בליט.

פארברייכע ליליען,
פרוכטן און ראָזען,
ס'צעטראָגן זיך דופטן
פון פלאַנצען און גראָזן...

פיל זשוקעלער, בינען —
זשומען און גרילן,
גאָלד־ברוינע שמעטערלינגן
אינדערלופטן זיך שפּילן.

ל י ד ע ר

בערג־שפּיצן — אוזאָרן
רונד־און־ארום —
שטייען פאַר'חלום'ט,
שווייגען זיך שטום.

א וועלדל אַ קליינער
אין טיפן טאָל שטייט.
צווישען די שטיינער —
א וואַסערל גייט. .

דאָס וואַסערל רעש'ט,
עס זשומעט און שרייט.
אַ קליינינקער בריקל
איז דאָרטן, ניט ווייט.

די בוימער דערציילן
דאָ זייערע סודות,
צו די שטענדיקע,
שטיינערנע עדות.

איך שטיי דאָרטן טעגליך,
באַטראַכט יעדע זאך,
אומזיסט איז מיין הערן,
כ'פאַרשטיי ניט די שפּראך...

לויטער דער טאָג איז,
דער הימעל העל־בלאָ,
שניי־ווייסער וואָלקען
צעשפּרייט דאָרט און דאָ.

באַלד קומט דער אָוונט,
די זון גייט אַוועק,
געענדיגט איר קרייז,
איר טעגליכן וועג.

PUBLIC LIBRARY
OF THE
CITY OF DENVER

פאַרגייט אין אַ ים
פון גליענדע שטראַלן...
אַ בויגן לויכט־אויף
פון קופּערנע פיילן.

די זון ווערט באַגלייט
מיט שפּיזן באַוואַכט...
אין דעמערונג, פאַר׳חלום׳ט,
קומט־אָן דער פאַרנאַכט.

וואו די זון איז אַוועק —
פונם זעלביקן אָרט,
אַ האַלב־רונדע לבנה,
קומט־אָן איצט פון דאָרט.

אין רונד פון לבנה,
העל פינקעלט און לויכט
דער אָוונטשטערן,
וואָס זאָגט אָן די נאַכט.

קיל ווערט און טונקעל,
פינסטער און שטיל,
גאָלדענע פליגעלעך,
פליען־אום פיל.

טויזענטער שטערנדלעך
פינקלען דאָרט הויך,
דאָ, בלומען פאַרפיומען,
גן־עדן ריח.

ווען מענטשן און בערג,
צייטלאנג שלאָפן שיין,
אין מיסטישער שטילקייט
שפּעט זיך איך אליין: —

און כ׳דענק — איבער אלעם,
באַוואונדער און טראַכט:
— ווי רייך די נאַטור איז —
ס׳איז אַ חלום, מיר דאכט...

פּאָרטלאַנד, אָרעגאָן

מיינע פּאָרטלאַנדער פריינט
— געווידמעט.

פּאָרטלאַנד ,אָרעגאָן.
איך וועל דיך געדענקען,
ווי לאַנג איך וועל לעבן
און וואו איך וועל זיין...
איך וועל דיך דערמאָנען
און וועל נאָך דיר בענקען,
בלאַט פון מיין גייסטיק לעבן,
זאָרגלאָזע היימאַט דו מיין.

דיינע לאָנקעס, די גרינע,
וועל איך קיינמאָל פאַרגעסן,
דיינע בערג, דיינע טאָלן
זיינען באַצירט מיט אַ פרייד!
דיינע ליליען און ראָזען
באַרייכען דאָס לעבן.
פון די פרוכטיקע סעדער
מיט חיות עס ווייט.

דיינע וואַסערן זיסע —
זיינען אַ נעקטאַר־געטראַנק,
דיינע גרינסן, די פרישע,
זיינען פון גאָט אַ געשאַנק,
דיינע טייכן און שטראָמען
געזונט מאַכן די לופט,
דיין באַרג, „מאַונט הוד",
מיך מאַניעט און רופט.

נאָך דעם לעבן און פרייהייט,
וואָס איך האָב דאָרט פאַרמאָגט,
שטענדיק בענקט מיין נשמה,
ציט מיין האַרץ, מאָנט און נאָגט:
מיין קרייז פון גוט־באַקאַנטע —
איך געדיינק אַזוי פיל,
מיינע האַרציקע פריינט,
אייך צו זען איז מיין ציל.

צום מדבר מאָהאַווע *)

זיבן טעג
אַ וואָך אַוועק,
לויפט די צייט
אַ רונד געיעג.

זיבן שטערען,
נאָר איין זון,
פינקלען אלע
רונד ארום.

זיבן זונען,
נאָר איין גאָט,
פאָלגען אלע
איין געבאָט.

זיבן מענטשן
איין מאַשין,
יאָגן שנעל זיך
ווייט וואוהין...

טענער פרייד
און לוסטגעזאנג
ווייט הילכט אָפּ
אַן עכאָ־קלאַנג:

אין דער שטילער
נאַכט אריין.
העל באַלויכט
די לבנה־שיין.

---

*) אַ גרויסער מדבר אין קאַליפאָרניע.

לידער

פֿאַרבײַ לױפֿט די ערד —
אַ באַרג נאָך טאָל.
אַ פֿעלד נאָך אַ פֿעלד —
פֿאַרשװינדט אַזױ שנעל.

זעלטענער װערן
פֿעלדער און שטעט.
אַ שטילקײט באַהערשט
אַ װײַט ברײטן סטעפּ.

און מדבר־קוסטן —
יהושע־בױמער,
װי אין געבעט צו גאָט
פֿאַרװאָגעלטע שטײען.

די בלײַכע לבנה,
פֿאַרשעמט קוקט אױס קלײן,
אַנטקעגן דער פֿלאַך
פֿון װײַט ברײטן פֿלײן.

די שטילקײט װאָס הערשט
אַ מורא פֿאַרשפּרײט;
די גרױקײט אַרום,
א הערשאַפֿט פֿון טױט.

זונאויפגאַנג אין מאָהאַווע

אַ שלייער פון גאָלד
אויף קופער באַדעקט.
העלט־זיך דער מזרח,
מיט פונקען באַפלעקט.

גלימערן פונקען,
העלער און העלער,
פארבן־מעטאַלן,
בייטן זיך שנעלער.

אַ גינגאָלד־קאָליר
פון טיגעל ארויס,
אלומינום־פונקען
מיט גאָלד בייט זיך אויס.

ס'ווערט גרעסער דער פייער —
„פלינק ארבעט דער שמיד"...
אַ בויגן פון שטראַלן
שטייגט־אויף פון דערמיט.

אַ לויטערע ליכט,
ווייט, ווייט ווערט פאַרשפּרייט —
מיט אַלע קאָלירן
דעם מדבר פאַרקליידט.

אַ קרוין שטייגט ארויס,
האַלב רונד, פון גינגאָלד,
די זון קומט אַרויס,
ס׳ווערט ליכטיק אַ וועלט...

איז אויב ס׳איז, מאָהאַווע,
דיין באָדען פאַרוויסט
און טרוקען דיין טראַכט איז,
מיט קיין לעבן דערפרישט, —

ביסטו נאָר, מאָהאַווע,
דאָך זוכה צו זען,
אַזאַ זילבערנאַכט
אין גינגאָלד־זון אויסגיין...

לאַס אַנגעלעס

אין זומערלאַנד, וואו ס׳שיינט די זון,
האָב איך מיין היים געמאַכט.
וואו בוים און בלום, לעבן דורכן יאָר,
אין פרילינג — בליהונג — פּראַכט.

טיף־בלוי, דער הימל איז בייטאָג,
און נעכט: ראָמאַנטיש־שיין...
מיט שטערענדלעך, וואָס פינקלען
אין טיף־און־ברייט פון רוים.

פריש־ריין און מילד איז דאָ די לופט,
און ריזן בערג ארום,
דער גרויסער ים, מיט שטורעם רופט
און ברענגט גרוס פון אומעטום.

דאָ זינגט דער פויגל, דורכן יאָר,
זיין זאָרגלאָז צויבער־ליד,
דאָ קוועלט מיט אימפּעט און גענוס
דאָס לעבנלוסט צעבליט.

און לעבן גלוסט זיך שטאַרקער דאָ,
אין אלץ, וואו לעבן קוועלט: —
דאָס גאַנצע וואונדער פון באַשאַף
האָט גאָט דאָ אויסגעשטעלט.

ציטמאָטיוון

(1917—1918)

לידער מיינע

טיפע ווייען, זיפצן שטומע,

זייט איר, מיינע שטומע לידער...

זעלן־טרויער, שמערצען פילע —

ווידערליידן, ליידן ווידער.

דער שטורעם

ס׳איז כמאַרנע און פינצטער געוואָרן...
אַ ווינט האָט מיט צאָרן געוויית,
און באַלד איז אַ שטורעם געקומען —
פאַרוויסטונג און אומקום פאַרשפּרייט.

דער שטורעם פאַרניכטעט האָט אַלעס:
די וועלדער און פעלדער צעשטערט...
האָט לעבענס מיליאָנען פאַר׳חרוב׳ט,
האָט יאוש און עלענט פאַרמערט.

די מענטשען, וואָס זיינען פאַרבליבן,
און האָבן דעם שטורעם געזען, —
אויס מורא געדרייט־זיך, ווי ווערים,
ניט וויסענדיק וואָס ס׳איז געשען.

זיי האָבן דעם זינען פאַרלאָרן,
פאַרלאָרן דעם מענטשליכן בליק,
זיי קוקן מיט קעלבערנע אויגען —
אָן אויסדרוק פון פיין אָדער גליק...

מיין טינטער

מיין טינטער איז שוין טרוקן לאנג,
געלאָזט מיין פען פאַרראָסטעט ווערן,
עס ווילט זיך גאָרנישט פאַרשרייבן מער
און קיין געדאנק מער ניט באקלערן.

זאָל זיך גיין אזוי דאָס לעבן טעמפ,
אָן דענקען, זוכן און אָן וויסן,
פון קיין זאך ניט באַגייסטערט ווערן מער —
וועט אויך ניט זיין מער קיין פארדרוסן.

זאָל זיך צוועקלאָז ציען אָט די צייט,
אָן שטרעבן, האָפן און געניסן.
און פאַלט אַמאָל אַ בענקשאַפט אָן,
— עס ווערט דאָס הארץ צעריסן —
דערשטיקט מען דאָס אין זיך:
קיינער דאַרף דערפון ניט וויסן.

פון טרויער

פון טרויער זינג איך נאָך —
איך קען ניט פריילאך זיין...
ארום איז לייד און צער —
אַ וועלט פון נויט און פיין.

אַ יאָמער־טאָל די וועלט,
פון בלוט און טרערן נאָר...
אַ סימפאָניע פון קלאָג,
פון טויט און טייוול־כאָר.

דארום וויינט נאָר מיין הארץ —
מיט טיפן ווי און באַנג...
מיין זעלע שוידערט־אויף —
פון ווי־סטן איכה־קלאַנג...

דער טייוועל קוועלט

מיט קרעכצן, געשרייען,
מיט שוידער און גרויל,
מיט גסיסה און ווייען —
די וועלט איז שיין פול...

און עס שצירעט די ציין
דער טייוול — און קוועלט.
און — ער גיט צו פאַרשטיין —
אז ער רעטעט די וועלט.

שיינע רייד

אַ קוועלענדער אומעט
קלעמט מיך און נאָגט,
אַ גרויזאמער עלנט
מיך מאַטערט און פּלאָגט.

פילע שרעקליכע גייסטער
איך זע ארום זיך —
ווי א קראַקען פון קראָהען
פאַרפאָלגען זיי מיך.

די פאלשע, די שלעכטע —
מיט'ן ריידען נאָר שיין...
באַטריגן, באַרויבן,
אזוי קונציק, געמיין.

דערווידער איז מיר
די פאלשקייט פון שלעכטן
און נאָך מער, דער שווערד
אפילו, אין האַנט פון גערעכטן.

צווישען פרעמדע

איינזאַם בין איך דאָ, אליין...
קיינער וויל מיך ניט פארשטיין.

מיין געדאנק, ווי קלאָר איך מאַך —
איז דאָך פרעמד פאר זיי מיין שפראך.

פרעמד פאר זיי איז וואָס איך רייד:
שווייג איך אָפט, שטיל אין לייד...

ווי זאָל איך...

ווי זאָל איך ווענדן
מיין פּנים, צו וועמען?
באַשולדיקן יענעם —
און אליין זיך ניט שעמען?

איך בין דאָך, ווי אַלע,
וואָס לעבן — אַ זינדער,
אַ גלויביקער טרוימער,
אַ זוכער א בלינדער.

ווי זאָל איך ווענדן
מיין פּנים, צו וועמען?
שטראָפן און מאָנען
און אליין זיך ניט שעמען.

דאָס מענטשלעכע האַרץ

מאָדנע... אַזוי ווי
דאָס מענטשליכע האַרץ
קען זיין ברוטאַל...
שלעכט אַזוי, האַרט,
מיט שנאה־געפיל...
מיט גיפט און מיט גאַל,
נאָך ראַכע זי דורשט
מיט צאָרן און האַס,
פון קנאה זי פלאַמט.
אַכזריות'דיק־ווילד,
פונקט ווי זי וואָלט פון
אַ חיה געשטאַמט...

און אָפט:

דאָס זעלביקע האַרץ,
אַזוי ליב, אַזוי מילד,
וויבריריגד, פול מוט —
ווערט עס באַווירקט
און פאַרקלעמט
פון אַ יענעמס — „ניט גוט" —
צו קומען צו הילף —
און ביישטיין אין נויט,
איז מוטערליך — גרייט
ליב אַזוי פריי איז
דאָס מענטשליכע האַרץ
צו לינדערן לייד.

אין צער און אין פרייד —
בענקט, שטאַרק אַזוי גאַרט,
דאָס מענטשליכע האַרץ...
צו וועמען, צו טוליען זיך צאַרט...

צער

ערגעץ וואו

ערגעץ וואו —
דאָ, צו דאָרט,
וועט רעזיגנירן
דיין פאַרשטאַנד.
מעגסט זען ווייט
און וויסן „אַלץ"
קומען וועסטו
צו אַ וואַנט...

ווייטער וועסטו
גיין ניט קענען...
דיין באַגריף
וועט בלייבן שטיין.
קיינער קען דיר
ניט דערקלערן,
וואו איז דער וועג,
נאָך וואָס דיין גיין...

מענשן לאכן

מענשן לאכן, ווילן לאכן —
לאַכן־לוסטיק זיך צו מאַכן.
צי פון מענשן, צי פון זאכן
ניט פון חלום צו דערוואכן...

וויינען מענשן — מענשן וויינען,
וואו זיי לעבן — אין די היימען,
ווען זיי פילן, וואָס זיי מיינען —
לייד און קימער מאַכן וויינען...

דאָס יאָר פון געוויין

זאָל עס גיין, זאָל עס גיין —
אָט דאָס יאָר פון געוויין.

אָט דאָס יאָר פון פארדרוס,
אָט דאָס יאָר פון פארלוסט...

אָבגעשוואכט מיין געזונט,
מיר געמאַכט אַזאַ וואונד.

מיינע צילן צעשטערט,
מיינע ליידן פארמערט.

מיט מער מורא, געפאר,
מיט מער טרויער און צער,

זאָל עס גיין, זאָל עס גיין,
אָט דאָס יאָר פון געוויין.

נאַכט

אַ פינצטערע נאַכט —
אַן אָטעם זיך־הערט
און ווייט ערגעץ
מיניעט אַ שטערן...

אָט לעשט ער זיך אויס
און קילער נאָך ווערט...
ווערט שטילער און —
פינצטערער ווערן...

ווער ווייסט ?

ווער ווייסט, וואָס עס פילט
דאָס מענשליכע הארץ —
אין די לעצטע טעג,
אויפן שוועל פון פארגיין ?...
ווען דאָס אויג באַגעגנט
אַ נאָענט־באַליבטן,
און דעם סוף, וואָס ער שפּירט
אין זיין בליק קען מען זען ?...

פּארן סוף

(אסתר׳ס רוף)

קומט אַהער, דאָ, נעבן מיר...
עס וואַכט־נאָך־אויף וואו אַ פאַרלאַנג...
עס בליצט־נאָך קוים אַ ווילן אויף,
עס קייטעלט־זיך נאָך אַ געדאנק...

אַ ווײַלע זייט מיט מיר, נאָך דאָ,
ווי לאנג איך אטעם נאָך און פיל...
איך וועל אייך לאנג ניט קוועלן דאָך —
אָ, באַלד אויף אייביק ווער איך שטיל...

אונטערגאַנג

עס זוכט וואו הילף אַ רחמים בליק —
אַ מורא קוקט פון אויג ארויס...
אַ טיפער צער צאַנקט אין קול,
אַ מורמל ווידערהאָלט־זיך אָפט:

— אָה! מאַמע מיינע — מאַמע מיינע —
— — — —— — — — — — — — — —
אַ ריטם, וועלכער בעט און רופט,
אַ קלאַנג, וואָס שנייט דאָס הארץ —
מיר דורך און דורך...

ניט לאָז מיך אַליין

ניט לאָז מיך, מיין ברודער,
דאָ איבער אליין,
הילפלאָז, פארווירט,
אין צווייפל און צער.
דו ווייסט־דאָך, ווי שווער ס'איז
מיט לאסטן צו גיין,
דורך דעם פעלזיגן וועג —
אליין אין געפאר.

מיר זיינען דאָך שטענדיק
צוזאַמען געווען.
געטראָגן דעם יאָך,
דעם פּאַק מיט די ליידן,
ניט לאָז מיך, מיין ברודער,
דאָ איבער אליין
איך קען דאָך
מיט דיר זיך ניט שיידן...

אליין מיט מיין צער

אַליין מיט מיין צער —
לאָזט איצט מיך פארבלייבן.
איך זוך ניט קיין טרייסטן פון קיינעם.
ניט מינדערט מיין שמאַרץ,
זאָל ווייטאָן מיין האַרץ...
לאָזט מיך מיין איינציקן ברודער באַוויינען...

איסאַק

(אויפֿן פּריציזיטיקן טויט פֿון
מיין איינציקן ברודער)

איך זיץ אויף דעם אָרט, וואו דו ביזט געזעסן,
פֿאַרזאָרגט און אין יאוש פֿאַרטראַכט...
און דיינע מחשבות לויפֿן דורך מיין זינען —
אַזוי ווי דו וואָלסט זיי געטראַכט.

דערפֿיל איך דיין צער און דיין לעבענס־וויי,
ווי דו אין דיין לעבן אַליין.
באַהעפֿט זיך דיין צער צוזאַמען מיט מיינעם,
קען איך דיך בעסער פֿאַרשטיין.

קלאָר אין מיין דמיון דערשיינסטו פֿאַר מיר —
רייד איך צו דיר און וואַרט אויף דיין ענטפֿער...
דו ענטפֿערסט ניט מער? דו האָסט מיך פֿאַרלאָזן,
און איך בין דאָך שטענדיק מיט דיר...

מיין הארציגער ברודער...

מיין האַרציגער ברודער,
איך זוך דיינע טריט...
וואו דו ביזט געגאנגען,
געלעבט און געווען.
דיין געדאנק קען איך נאָר
אין דיין ארבעט געפינען,
און דיך קען איך נאָר,
אין מיין דמיון דערזען...

צו וואָס ?

צו וואָס מיך דיין ברענגען
אַהער אויף אַ ווייל ?
א מאָמענט דאָ צו זיין
כדי אין אייביקייט פארגיין ?
וואָס באַדייט איך דען דאָ,
אַזאַ בריאה׳לע, קליין —
אויף אַזאַ גרויסער וועלט
אין אַן ענדלאָזען רוים.
און אז איך בין שוין פארגאפט
פון דיין וואונדער באַשאַף
וואָס האָסטו פון דעם,
וואָס איז דיין מיין ?
און אז איך הער שוין און זעה
און טראַכט פון דיין ווערק,
מיט אָבשיי פאר דיר,
וואָס קומט דיר ארויס ?
און וואָס האָב איך פון דעם ?
אויסער די זאָרגען
פונם לעבען געקווועלט
און דעם גרויזאמען פיין —
פון ניט קענען פארשטיין,
וואָס איז דיין ציל
און וואָס איז דיין מיין ?
— ווי גאָרנישט געווען
וועל איך באַלד דאָך פאַרגיין
אין אומוויסענד אליך
דיין סוד צו פארשטיין —
אין דיין היכל מיין בליק
לאָזטו דאָך ניט אריין,
צו וואָס מיך דיין בריינגען
אַהער אויף אַ ווייל
צו וואָס מיין דאָ־זיין ?

פרייד אָדער אומעט

פרייד אָדער אומעט —
פאַר דעם, וואָס עס בענקט.
און קענען פאַרשטיין —
פאַר דעם, וואָס עס דענקט.

פאַר דעם, וואָס עס מעסט —
איז ווייט אָדער טיף.
און מיאוס צי שיין —
פאַר דעם מיט באַגריף.

שטיל אָדער שטורעם —
פאַר דעם, וואָס עס וואכט.
און — וואָס איז דער ציל —
פאַר דעם, וואָס עס טראכט.

טאָג אָדער נאַכט,
פרי אָדער שפּעט,
פאַר דעם, וואָס עס זעט,
פאַר דעם, וואָס עס לעבט.

איך וועל ניט צערטלען

כ׳וועל ניט צערטלען מיינע וואונדן,
וויינען, קלאָגען אויף מיין בראָך...
איבער זיך רחמנות האָבן
און באַדויערן מיין יאָך.
כ׳וועל אַ ווידערשטאַנד אַנטוויקלען
צו מיין קימער, צו מיין פּיין,
ווער מיין ווילן ווייטיק היילן,
מיין באַשלוס — די רפואה זיין...

ווי גרויס דיינע וועלטן

ווי גרויס דיינע וועלטן —
אַזוי גרויס דיין גנאָד.
ווי לעבן און טויט —
אזוי גרויס דיין געבאָט.

ווי שיין עס איז דער מענש,
אזוי האַרציק די פרייד.
אויף דער גרויסקייט פון לעבן
זאָגט עדות דער טויט.

אַ לעבנלאַנג

אַ לעבנלאַנג אין טרוים געשוועבט —
ביז ס'האָט דער טרוים זיך אויסגעשעפּט.

אַ לעבנלאַנג פאַרפירט געווען —
געדיינקט, געהאָפט: כ'וועל אַלץ דערזעהן.

אַ לעבנלאַנג, דעם וועג געזוכט,
— יענער ווייסט — מיר האָט זיך געדוכט.

פאַריאָגט געווען אַ לעבנלאַנג...
אָן חרטה, מיר טוט ניט באַנג.

דער לעבענסציל, אין וואָס באַשטייט?
ווער זאָגען קען — אז ער פאַרשטייט?!

מיין וואונש איז—ביז דער לעצטער שעה,
זיין אַרבעטזאם און נוצליך דאָ.

מיין באַנעם

שטריכן

שטריכן פון לעבן,
רונדע און לאנגע —
פריידיקע, קורצע,
גלייכע און באַנגע.

דיקע און דינע,
סמנים געקליבן —
באַווירקט פון דער צייט,
שטריכן פארבליבן.

מיינע טענער

עס שוועבן ארום,
מיינע טענער אין רוים,
קלאַנגען — אַקאָרדן,
פון יוגענט, און טרוים.

מוטיקע טענער,
פון פרייד און געזאַנג.
זיי זעלטן געקליבן,
מיר טוט עס איצט באַנג.

כ'האָב געהאַט גוטע פריינט
אומעטום, אלעמאָל.
ליבע חברים,
אַזויפיל אין צאָל.

ס'האָט יעדען זיין שיקזאל —
וואו אַנדערש פארטריבן.
בא מיר זייט איר, פריינט,
אין זכרון פארבליבן.

געליבט דאָך געווען
און ליבעס געפירט...
יענע יוגענט געפילן
צו קיין ציל דערפירט...

די לויפענדע צייט
  האָט לאַנג אויסגעוועבט,
יענע צאַרטע געפילן,
  יענע פרייד אויסגעשעפּט...

מיין גייסטיק פאַרמעגן
  צוטיילט און פאַרשפּרייט,
פּאַלאַצן און טעמפּלען,
  מיט קונסטווערק באַקליידט.

צוביטן פאַר ברויט —
  מיין גייסטיק געשענק.
כמעט שוין פאַרגעסן,
  וואו ס'לעבט מיין געדאנק.

אַ גאַנץ קליינעם טייל,
  האָב איך דאָך פאַרהיט —
דאָס איז דער געדאנק
  און תוך פון מיין ליד...

צו וועלן מיט ליבע —
  דעם מענטשן פאַרשטיין,
איך האָף, דאָס פאַרמעגן
  וועט פאַרלאָרן ניט גיין.

קערנער

גערדאַנקען, באַגריפן
פון האַרץ און נשמה,
— ווי קערנער וואָס
פרוכטן געבוירן —
וואָס לויפן פלינק דורך מיין זינען: —

קלויב איך צונויף
און פאַרצייכן,
זיי זאָלן פאַרלאָרן
ניט ווערן.

ווען פרילינג וועט קומען,
וועל איך זיי פאַרזייען,
וועלן אויסוואַקסען
פלאַנצן און בלומען.

ציט זיך דער ווינטער
צו לאַנג, אָן אַ שיעור...
און ס'ווערן פיל קערנער
פאַרלעגערט ביי מיר.

און עס נאָגן געפילן
מיך מאָנענדיק, צאַרט: —
ביי מיר ווערן לעבענס
פון פירות פאַרדאַרט...

פולסירן געפילן

אין אַרבעט פאַרטאָן,
מיט דאגות פארנומען —
וואַכן־אויף דאָך געפילן,
צום אויסדרוק זיי קומען:

פון הארצן ארויס
אַ טאָן און אַ קלאַנג,
אַ זיפץ פון דער טיף:
אַמאָל אַ געזאנג.

מיט יעדען דעטאַל,
אַן אַנדער געדאנק,
מיט יעדען צופאל,
אַ נייער פארלאנג.

פולסירן געפילן,
צום אויסדרוק זיי קומען:
אין יאָך פון דעם לעבן
קענען זיי נישט פארשטומען.

מיין שפּע

אויף אַלע ווייטע ים'ען,
שווימען מיינע שיפן,
מיט סחורות אָנגעלאָדן
פון ווייטקייטן און טיפן.

איך ברענג פון איבעראַל
ווערטפולע אַנטיקן,
מענטשן צו דערפרייען,
מענטשן צו אַנטציקן.

אוילקוואלן אָן שיעור —
האָב איך אומעטום.
ברייט און פרוכטן פיל,
וואו איך גיין און קום.

זוך איך הויך און טיף,
וואָס ס'איז מער געהיים...
וויסן ווילט זיך מיר,
כ'וויל די וועלט פאַרשטיין.

אין וואָלקנס פלי איך אום —
און קיין געפאר מיר שטערט,
און סודות איך אַנטפּלעק
און איך באַהערש די ערד.

איך רעגיר אַ פרייע וועלט
און איך, פאַרשקלאַפט בין, מיד.
מיין אייגן פרייד און לייד,
באַהערשן קען איך ניט.

בערג

ווען אָבגעריסן פון דער זון,
האָט זיך די ערד, אין פייער־קנויל —
די האַרטע עלעמענטן אלערליי,
צעשמאָלצען אין דער טיף אזוי,
היים צעגליט, אין פלאַם און רויך,
שטראָמענדיק מיט אימפעט אין דער הויך:
אויפבראָזענדיקע רונד־ארום,
מיט שטורעם־דראַנג פון אומעטום —
האָבן טאָל און לאַנד געפורעמט,
אָפגרונטן, ימים אין דער טיף,
ריזן שפּיצן — — — בערג געטורעמט!
זעט אויס:
ווי לעבעדיקע מיט באַגריף...
האָבן אלע מינעראלן פונם טיפן תהום —
מיט אימפעט זיך צוריקגעשלאָגן צו דער זון.
שיכט נאָך שיכט, פון לאַווע, ערד און שטיין,
העכער האָבן זיין געוואלט, מער אָנגעזעהן.
צו דער הויך, געריסען־זיך ארויף —
זייערע אייגענשפטן צייגען אויבענאויף...
מיט אלץ, פאר אַלעמען זיך אויספיינען
אין העלער ליכט פון זונענשיין:
דאָס אָנגעזעענסטע אויף דער ערד,
געוואָלט האָט יעדער איינער זיין.
אָבער: —
די מעטאַלן, מינעראלן,
(פון אן אַנדער סאָרט און ווערט)
ווי קוילען, קופּער, אויל און שטאָל,
זיי זיינען פאַרבליבן אין דער טיף.
גאָלד, זילבער, דימענטן, קרישטאָל —
באַהאַלטן ליגן, ווייט אין דער ערד,
רובינען און ברילִיאַנטן, וואָס זעלטענער דער מין,
געפינט מען אַפן גרונט אין טיפען תהום.

— — — — — — — — — — — — — — — —

די מיט אייגן וואַרעמקייט, ליכט און ווערט,
זיי האָבן ניט געקלעטערט צו דער זון.

מיין דור

כ'בין אַ קינד פון דער צייט
וואָס האָט נייס'ן געבוירן;
פון דער גאָלדענער צייט,
ווען דער מענטש האָט דערוואכט:
קענטעניש און וויסן,
פארשפרייט איז געוואָרן,
געדאנק און פארשטאַנד
האָבן פאָרטשריט געמאַכט.

כ'בין אן עדות געווען
פון דאמף־שיף און באַנען,
פון עלעקטרי'ס געבורט
אין באַלייכטונג און מאַכט;
די ערד איז מיט אייזען,
פארגארטעלט געוואָרן —
נאַטור־סודות טיפע
פון זשעניען געבראכט.

כ'האָב געזען דעם געבורט
פון אויטאָמאָבילן,
די קראפט פון דער חיה,
איז ניט נויטיק שוין מער:
דער „ראָבאָט" פון אייזען
האָט לעבן באַקומען,
מיט דער הילף פון מאַשין
איז קיין ארבעט ניט שווער.

איך בין אַ זון פון דעם דור
פון גייסטרייכע יאָרן,
ווען מענטש איז דער הערשער
אין דער לופטן געוואָרן.
מיט לופט־שיף, באַלאָנען,
אין עראָפּלאַנען,
ארום דער ערד שוועבט דער מענטש
איבער בערג, איבער ים׳ען.

אין כעמיע און טעכניק
האָט געשאַפן מיין דור,
און פיל איבערשטיגן
די דורות פון בעפאָר.
ראַדיאָ און ראַדיום,
בילד און קלאַנג קאָנסערווירט: —
און דאָס אַלץ האָט דעם מענטשן
צו מער גליק נישט געפירט.

די נאַטור אין דעם מענטש
איז נאָך ניט באַשטריטן,
— אַ שקלאַף צו זיין ווילן
מיט קיין נייעס פאַרביטן —
דער צאַרטערער מענטש
איז אַ שוואַכלינג געבליבן,
דער שלעכטער האָט מידות
פון גוואַלד אָנגעקליבן: —

מער קנאה, מער רשעות,
מער האַס און מער צאָרן,
דאָס לעבן פון מענטשן
איז הפקר געוואָרן:
ס׳איז אַ געיעג נאָך דערפאָלג,
— ווי אַ שדים טאַנץ נאָר:
דער מענטש איז פאַראָרימט
אין מיין רייכן דור.

דורך מיין געפיל

דורך מיין געפיל פון גיפט און גאַל,
קנאה, שנאה און נקמה;
ווערט ניט גרינגער מיין געמיט,
ווערט ניט רייכער מיין נשמה.

אין איינזאַמקייט אַנטוויקעלט זיך,
מיין שאַפונגס־לוסט: ס'מאַכט פעסט מיין ווילן,
ממשות'דיקס וואָס אויסבויען —
דערפיל איך, פאַר מיר ריינע צילן.

א גייסטיק ווערק, ווערט דאַן געבוירן,
פון האָליץ, פון שטיין, אָדער פון שטאָל;
פון בליק, ווערט פול דאָס האַרץ מיט גליק,
פון מי און טאַט, דער מענטש ווערט זאַט.

און מוטיק, מונטער פיל איך דאַן,
באַשטראַלט פון שאַפונגסגייסט און שטרעבן,
און ווידער שאַפן ווערט מיין ציל
וואָס שיין און נוצליך איז אין לעבן.

שטיל און שטילער

שטיל און שטילער,
ווי מיין בענקשאַפט,
שטיל און שטילער,
ווי מיין זאָרג און נויט —
אזוי זשעדנע,
ווי אַ בעטלער,
אויסגעהונגערט,
נאָך אַ שטיקל ברויט.

בין איך אויסגעצערט,
פאַראומערט:
בין איך מיד
פון יאָך און לייד,
מיין נשמה דורשט
נאָך אויסדרוק,
נאָך א שטראל
פון שאַפונגס־פרייד.

ווי אַ בעטלער,
אין זיין הונגער־נויט,
מיט זיין דאגה
נאָך אַ שטיקל ברויט.

אַ קינסטלערס תּפֿילה

רבונו של עולם,
פֿאַרנעם אָט די תּפֿילה,
איך בעט ניט קיין רייכטום,
איך זוך ניט קיין כּבוד,
און קיין פֿוילענצער לעבן
כ'פֿאַרלאַנג ניט, חלילה.

איך לויב דיר פֿאַר אַלעם,
וואָס דו האָסט מיר געגעבן —
אָט די גרויסע באַגריפֿן
און מתּנות אין לעבן.

די גייסטרייכע געפֿילן,
וואָס ס'איז שווין צו דערשפּירן,
אַזאַ חוש און אַ ווילן,
נייס צו שאַפֿן און בויען,
און גלידער געזונטע
מיין וואונטש דורכצופֿירן.

מיין יאָך איז דאַריבער
אויך דאָפּעלט דאָך שווער.
דער שטרייט פאר פּרנסה
און דער צער פון דעם שאַפן.
ווי קען איך דען דינען
דיך, דיין קונסט — מיין באַגער?

אז דער יאָך פון דעם לעבן
איז אַזוי גרויזאַם שווער?
רבונו של עולם,
מיין תפילה דערהער.

כאָטש עטוואָס פאַרקלענער
דעם לאסט פון די זאָרגן,
אַביסעלע גרינגער
זאָל זיין מיין געמיט,
און לאָז מיך באַלעבן,
וואָס אין מיר איז פאַרבאָרגן.

און זאָל דיין מתנה
ניט וועלקן פון זאָרגן.
רבונו של עולם,
מיין תפילה דערהער.

עס וואָלט זיך מיר וועלען

עס וואָלט זיך מיר וועלען
די רוימען דורכדרינגען,
די זון און די שטערן
געטרייער פאַרשטיין:
די טיפקייט פון ים'ען,
דעם וועלט־אַל באַזינגען,
דעם אומרו פון לעבן:
די סודות דערגיין.

איך וויל ניט פאַר קיינעם
מיין ווייטיק אויסוויינען,
מיין צער און מיין וואונד
אין גאַס ארויסטראָגן;
די ליידן פון לעבן,
וואָס מיר נאָר געהערן —
צו וואָס זיי פאַרשוועכן
אין דרויסן באַקלאָגן?

און קען איך מיין ליד,
מיט מוט ניט אויסזינגען,
וועל איך מיינע טרערן
אין זיך דערשלינגען.

דער, וואָס ווייס

דער, וואָס ווייסט, וואָס ער וויל —
איז באַהערשט פון אַ ציל.

דער, וואָס ווייסט, וואָס ער וויל —
בויט און שאַפט אינדערשטיל.

דער, וואָס ווייסט, וואָס ער וויל —
איז געוואגט אזוי פיל.

פון א ווילן, וואָס גליט,
ווערט אַ קונסטווערק געשמיט.

דור פאר דור

ווען איך וועל שוין דאָ מער ניט זיין —
וועט אַלץ נאָך דאָ לעבן מיין וואָרט.
מיין אויסדרוק, מיין טאַט און מיין ציל—
באַרייכערט האָט מענשן דאָ פיל.

מיין שאַפן אין שטיין און אין שטאָל —
דאָס זיינען סימנים אָן צאָל,
אז לעבעדיק בלייבט מיין געדאנק,
פאר מענטשן פון מיר אַ געשענק.

די קומענדע דורות נאָך מיר —
ירושה לאָז איך פון מיין זיין,
פארשריבן פארבלייבט דאָ מיין איך,
אין לייסטער פון שעפער אריין.
מיין ארבעט בלייבט לעבן נאָך מיר.
ווען איך וועל שוין מער דאָ נישט זיין.

מענטש באַגער

עס וואָלט זיך מיר וועלן איינקריצן טיף
דעם געדעכעניש דאָ פון מיין לעבן.
איך וועל דאָך פון דאַנען מוזען אַוועק —
זאָל כאָטש בלייבן — מיין נאָמען דאָ לעבן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

זוך איך אַ ריזיקן מאַרמאָרנעם באַרג —
איך זאָל קענען מיין נאָמען איינשרייבן.
האַמער און דלאָט פון אַזאַ האַרטן שטאָל:
שווער, ווי מיין לעבן און שאַרף, ווי מיין ליידן.
איינשניידן וואָלט איך, אין מאַרמאָרנעם שטיין,
אין דער הויך דאָרט, פון אויבן מיין נאָמען;
און גרויס ווי דער באַרג, וואָלט זיין מיין פּאַרנעם,
איינהאַקן טיף אין דעם שטיין ווי איך קען...
— די לעבענס־שטופּן פונם מענטש אויף דער ערד,
די זאָרגן און ווייען, וואָס אים איז באַשערט,
זיין שטרייט און זיין זוכן „אַליך" צו פאַרשטיין.
זיין שטענדיק באַגער — גרויס וואָס צו שאַפן —
מיט מוט און פאַרנעם „הימלען צו גרייכן",
מיט יוגנט־פייער, וועלטן צו בויען,
מיט „נייע אידעען" זיך יאָגן נאָך גליק,
זיכער און שטאָליק, באַרימט דאָ צו בלייבן,
ביז צום באַגריף: — ווי ס'איז נישטיק און קליין,
אַליך וואָס עס איז דאָ: און מוז דאָך פאַרגיין —

— — — — — — — — — — — — — — — —

וואו נעם איך אַ ריזיקן מאַרמאָרנעם באַרג?
איך זאָל קענען מיין נאָמען איינשרייבן
און דורך די פינקעלפאַרבן פון מאַרמאָרשטיין
זאָל אויף אייביק מיין נאָמען זיך ווייזן:
פון גינגאָלד־ליכט מיט זון־שטראַלן אָן צאָל,
מיין נאָמען באַלויכטן, זאָל זיין אַלע מאָל,
און זאָל אָט דער באַרג ניט ווערן צעשטערט,
ווי לאַנג נאָר די זון — וועט באַלייכטען די ערד.

מיין פּראָטעסט

און אויב ס׳איז מיין פאָלק,
מיר טייער און ליב,
און פול איז מיין האַרץ
מיט פרייד און מיט גליק,
ווען שטראַלן פון ליכט
באַלויכטן אונדזער וועג,
און האָפנונג שאַלט
פאר שפעטערע טעג —
געווים איז מיין פרייד,
מיט מוט אויסגעמישט,
די מענטשהייט מיר נאָענט,
דאָס לעבן פארזיסט.

אויב אָבער מיין פאָלק
געקריוודעט עס ווערט,
מיין שטאָם ווערט פאַרפאָלגט
און באַליידיגט דערצו,
אונדזער האָפן געשטערט,
מען רויבט אונדזער רו:

דאַן רוף איך דעם מענטש
צום פאקט, וואָס פּאַסירט,
אַפּעליר צו דער וועלט,
וואָס ס׳ווערט איגנאָרירט,
און איך מוז מיט פּראָטעסט
ארויס אין דער הויך —

דאַן דערפיל איך דעם צער
פון מיין גאַנצן שטאַם
און ס׳דונערט מיין וואָרט,
מיט פייער און פלאַם.

דעם אַכזור שטעל איך
ארויס פאַר דער וועלט,
אין ליכט פון דער זון,
צום שאַנד־קלאָץ געשטעלט.

די וועלט זאָל דערזען
די נאַרישע „פירער"
די שונאים פון מענטשן,
די דורך'ליגן רעגירער.

די האַרצלאָזע ברואים,
וואָס פרעדיקן, האסן,
די, וואָס וועקן די חיה,
אין אומוויסענדע מאַסן.

די וועלט זאָל דערקענען
די פרידן פאַרשווערער,
די אומרעכט פרשפרייטער,
די פאַלשע פאַרשפּרעכער.

צום מענטש מיט יושר,
איז מיין פּנים געווענדט,
אַנטקעגן דעם אכזור
מיט פאַרבלוטיקטע הענט.

און איך רוף צום געוויסן
פון מענטש מיט אחריות —
איך גלויב ס'זיינען דאָ דאָך
מער מענטשן, ווי חיות.

און אזוי שאַרף און לאנג,
מיין רוף וועט געווערען —
ביז דער בעסערער מענטש
מיין פּראָטעסט וועט דערהערן.

דעם נביא׳ס וואָרט

עס וואַנדערט־אום וואו א געשטאַלט
און טראָגט מיט זיך אום אַ געדאַנק;
עס האָט וואו אַ שטימע געשאַלט —
טראָגט־אום־זיך אין רוים ווייט אַ קלאַנג.

און ווערט דער געדאנק וואו אַנטדעקט
איז עס יושר, וואָס זאָגט און באַפעלט —
אַ נבואה, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט,
מיט דער צייט וועט באַהערשן די וועלט.

און זאָגט וואו דער נביא זיין וואָרט —
איז עס אמת און חכמה פארשפּרייט;
און שאַלט זיין נבואה ארויס,
לויכט־אויף גאָט׳ס וואָרט אין די רייד.

מיין מאַמעס סידור

(צו איר יאָרצייט)

מיין גוטע, פרומע מוטער —
אַן אַלטען סידור האָט געהאַט,
שטענדיק פלעגט זי אין אים „זאָגען",
ווײנען פלעגט זי אויף אים זאַט.

אין שטימונג געדריקטע,
פון שווערן לעבענסיאָך גענאָגט,
אין לײדן, אויך אין פרײדן,
פון איר סידור וואָס געזאָגט.

אין סידור זיך באפרידיגט,
אין גוטער ווי אין שלעכטער צייט:
איז מיין מוטער אָפּגעשטאָרבן
מיט איר סידור פון מיר ווייט.

און איך בין „פריי" געוואָרן,
יענער גלויבן—פעלט מיר ניט שוין לאַנג:
נאָך מיין מאמעס, אלטן סידור,
טוט מיר דאָך נאָך אזוי באנג.

מאַקס שערמאַן

איך זע דיין געשטאַלט

(צום אַנדענק מיין פאָטער דעם סופר ז"ל)

מיין שוועסטער מאַכלע'ן א מתנה

קיין געדאנק ניט פארבליבן
פון דיר וואו פארשריבן
און אויך קיין שום בילד,
ניט געלאָזן פון זיך,
כדי איך זאָל קאָנען
דיין מהות באַנעמען,
דערבליקן און אָפּשאַצן דיך.

דאָך, קען איך דיך גוט,
איך זע דיין געשטאַלט;
כ'האָב דאָך אַזוי פיל
געהערט וועגן דיר,
דיין יעטווידן צוג
פון יוגענט ביז אַלט,
דיין לעבנס געדאנק
איז קלאָר דאָך פאַר מיר.

ערנסט און פרום —
גלייך ציט זיך א שנור
פון דיין חדר־קינדהייט
ביזן סוף פון דיין לעבן:
באַשטימט און באשיידן
מיט גוטמוט באַשטראַלט,
האַרציק מיט תמימות
און טיפזין אין גלויבן.

איך זע דיך בײטאָג —
אין דײַן אַרבעט פֿאַרטאָן,
דײַן קונסטלער־נאַטור
התלהבות'דיק פֿאַרטיפֿט,
מיט אמונה און פֿאַרזיכט,
  אַלץ פּונקטליך זאָל זײַן;
דו שרײַבסט אַזוי זיכער
אָן אות נאָך אַן אות,
גאָט'ס הײליק וואָרט
„מיט שוואַרץ פֿײַער אויף ווײַס"
קלײַבסטו צונויף —
  מיט סדר אין ספֿר אַרײַן.

עמוד נאָך עמוד,
ביז אַ יריעה ווערט פֿול,
יעדן קלאַנג און געדאַנק
אין זיך לעבסטו דורך
דעם רחמים צדק ומשפּט,
מיט אהבה און יושר
  געפֿלאָכטן צוזאַמען,
וואָס לויכטן אין הײליקן ספֿר,
  דורך ווערטער, ווי געטלעכע פֿלאַמען.
איבערפֿולט ווערט דײַן האַרץ
  מיט גליק און מיט פֿרײד,
פֿון דער תורה הקדושה,
  גאָט'ס הײליקע רייד.

פֿון כּבוד — אַנטלויפֿסטו,
פֿון גאווה — דו ווײַכסט,
קײן רײַכטום — דו דאַרפֿסט,
פֿון צדקות — דו טראַכסט.
  אין יושר פֿאַרטאָן —
    מיט ליבע צו גאָט
    ווי משה בן עמרם,
  פֿאַרשרײַבסט זײַן געבאָט.

אונערמידליך דורך נעכט,
ביז אין גרויען פאַרטאָג,
זע איך דיך זיצן
אין לערנען פאַרטיפט:
דער צער פון דעם לעבן
דעם געמיט פון דיין פאָלק,
פאר דעם כלל און דעם פּרט,
וואָס דו פילסט אזוי טיף.
און ווען דיין לייד איז גרויס
מיט פיל אומעט דיין האַרץ,
איז, אין גאָט גלויבן, דיין טרייסט;
אז „ער ווייסט, וואָס ער טוט״,
מיט ליוב און בטחון,
„צו דעם וואָס לעבט אייביק״
און אַ — „קטנתי, מכל
החסדים״ באַגריף.

אין עולמות עליונים,
בליקסטו אַריין
און לויבסט דעם באַשעפער,
וואָס שפינט אזוי קונציק,
דעם פאָדים פון לעבן,
פון׳ם מענטשענס דאַ־זיין.

איין זאָרג נאָר, וואָס מאַטערט
אַ לעבן דיך לאַנג:
די וועלט צו פאַרלאָזן
טוט דיר ניט באַנג.
און ניט וועגן אַ יורש
דיין דאגה איז גרויס...
— דיין וואונש און דיין זאָרג
איז, אַ קדיש צו לאָזן,
וואָס זאָל דיך דערמאָנען
ווי לאַנג ער וועט לעבן:

לידער

אין גאָט און זיין תורה,
ווי דו, זאָל ער גלויבן,
דיין ליכט אין גן עדן,
שטענדיק זאָל ברענען.
דיין גייסטיקער קיום,
זאָל תמיד זיך ציען:
און גליען זאָל ווייטער
דער פלאַם פון דיין לעבן,
אין אייביקער צוקונפט —
עד סוף כל הדורות
זאָל אַ לעבעדיקע קייט
פון מענטשן דאָ זיין!

* * *

אַזוי ווי דיין תפילה
מקוים ווערט אַלץ.
— ביים לעבן דיין פריינד,
דיין קדיש צו זען:
און אויך נאָך אַ זון,
— אַ נאָמען נאָך דיר —
אַזוי, ווי דיין וואונש איז געווען.

אזוי אין מיין דמיון
פון זינט איך געדענק,
— איך זע דיין געשטאַלט —
פון דיר ווען איך דענק.

אַ וואָרט

אַ וואָרט איז ווי זונשיין,
עס באַלויכט אַ געדאַנק —
אַ וואָרט איז אַן אוצר,
פון גאָט אַ געשאַנק.

אַ וואָרט האָט אַן אָרט,
אַ וואָרט האָט אַ ווערט.
אַ געצייג איז אַ וואָרט,
שאַרפער פון שווערד.

דורך שאַרפקייט פון וואָרט
רעגירט ווערט די ערד.
עס ווערט לעבען אַנטשיידט
געבויט און צעשטערט.

מען הערט אָפט אַ וואָרט,
וואָס גרילצט און פאַרשעמט.
אַ מענטש האָט אַ תכלית —
גאָט'ס אוצר פאַרשווענדט...

כ'דערפיל אָפט אַ וואָרט,
וואָס לויכט אזוי העל...
באַגריפן מיר פינקלען
אזוי ווי קריסטאַל.

כ'דערפיל זיך דערפרייט,
געלייטערט, דערהויבן,
דאַן זינג איך און בענטש
און גאָט טו איך לויבן.

מיין תפילה

מיט גענאָד,
ליבער גאָט. —
זיי צו מיר
אין מיינע לעצטע טעג!
מיין זינען און מיין שפּראַך
ניט נעם אַוועק פון מיר.
ביז מיין לעצטן אָטעמצוג —
וועל איך מיין חשבון אונטערציען
ביים ענדע פון מיין לעבענס־וועג.
פון מיינע ליבסטע
אָפּשייד נעמען.
און אָנזאָגן וועל איך מיינע טייערע —
ניט צו קלאָגן נאָך מיר.

עס קען ניט אַנדערש זיין...
די אויסגעלעבטע מוזן גיין:
און די נאָך מיר —
זאָלן ווייטער וועבן
דעם פאָדים פון מיין שטאַם.
און גליען זאָל דער פלאַם
אין דער אייביקייט פון לעבן.

אינהאַלט:

ספּיראַלן

זייט

ספּיראַלן — 11

איך זוך — 12

אַ פֿונק — 14

פֿון זונענשײַן — 15

די צײַט — 16

די וועלט — 17

יעדער מענטש — 18

וואָס באַדײַטסטו — 19

קיין אייביקייט — 20

פֿאַר זיך

לעבענס פֿרייד — 23

עס בענקט מײַן האַרץ — 24

מײַן טײַער קינד — 25

צו מײַן טעכטערל — 26

מײַן לעבענס-גליק — 27

פֿאַרוואָס? — 28

ווען דו וואָלסט געווען לעבן מיר — 29

אַליין — 30

פֿאַר דיר מײַן געליבטע — 31

ווען איך וואָלט צײַט געהאַט — 32

געזאַנג

די מענטשלעכע וועגן — 35

קינדער-ליד — 36

זייט

מענטש מיט פרייד — — — — — — — — 37
טראָט ביי טראָט — — — — — — — — 38
איך ווייס ניט פאַרוואָס — — — — — — 39
עס ציט מיין האַרץ — — — — — — — 40
יוגענט זיסע — — — — — — — — — 41
פאַרנאַכט אין קאָרן־פעלד — — — — — 42
מיינע קוואַלן — — — — — — — — — 43
אַ שטראַל פון זונענשיין — — — — — 44
האַרבסט־מאָטיוון — — — — — — — — 45
ליבע, שיינע וועלט — — — — — — — 46
וואו נעמט מען אַ פריינט? — — — — — 47
עס דאַרף אַזוי זיין — — — — — — — 48
מיין פרילינגס־ליד — — — — — — — 49
אַ פויגל פליט — — — — — — — — — 50
אַ זונענאויפגאַנג — — — — — — — — 51
ווען? — — — — — — — — — — — 52
מיר האָט שוין דערעסן — — — — — — 53
טוט מיין האַרץ מיר וויי — — — — — 54
ניט שטראָף זיי פאַר מיר — — — — — 55
פריילעכס — — — — — — — — — — 56
חסידישע באַמקע — — — — — — — — 57
יאָ, ס'איז שיין — — — — — — — — 58

ט י פ ע ן

דאָס מיידעל אין פענסטער — — — — — — 61
מעלאַנכאָליע — — — — — — — — — 62
מאַמע און טאָכטער — — — — — — — 63
סאַשאַ — — — — — — — — — — — 64
קיין אונטערשייד — — — — — — — — 69

לאנדשאַפט

זייט

אין א הארבסט פארנאכט — — — — — 73

אין די קעטסקילס — — — — — — — 74

פּאָרטלאַנד, אָרעגאָן — — — — — — 77

צום מדבר מאָהאַווע — — — — — — 78

זונאויפגאַנג אין מאָהאַווע — — — — — 80

לאָס אַנגעלעס — — — — — — — — 82

ציימטמאָטיוון

לידער מיינע — — — — — — — — 85

דער שטורעם — — — — — — — — 86

מיין טינטער — — — — — — — — 87

פון טרויער — — — — — — — — 88

דער טייוועל קוועלט — — — — — — 89

שיינע רייד — — — — — — — — 90

צווישן פרעמדע — — — — — — — 91

ווי זאָל איך? — — — — — — — — 92

דאָס מענטשליכע הארץ — — — — — 93

צער

ערגעץ וואו — — — — — — — — — 97

מענטשן לאַכן — — — — — — — — 98

דאָס יאָר פון געוויין — — — — — — 99

נאכט — — — — — — — — — — 100

ווער ווייסט? — — — — — — — — 101

פארן סוף — — — — — — — — — 102

אונטערגאַנג — — — — — — — — 103

ניט לאָז מיך אליין — — — — — — 104

אליין מיט מיין צער — — — — — — 105

זייט

איסאק — — — — — — — — — — — — 106
מיין הארציקער ברודער — — — — — — — 107
צו וואָס — — — — — — — — — — — 108
פרייד אָדער אומעט — — — — — — — 109
איך וועל ניט צערטלען — — — — — — — 110
ווי גרוים דיינע וועלטן — — — — — — — 111
א לעבן לאַנג — — — — — — — — — 112

מיין באַנעם

שטריכן — — — — — — — — — — 115
מיינע טענער — — — — — — — — — 116
קערנער — — — — — — — — — — 118
פולסירן געפילן — — — — — — — — 119
מיין שפע — — — — — — — — — — 120
בערג — — — — — — — — — — — 121
מיין דור — — — — — — — — — — 122
מיין געפיל — — — — — — — — — — 124
שטיל און שטילער — — — — — — — — 125
א קינסטלער'ס תפילה — — — — — — — 126
עס וואָלט זיך מיר וועלען — — — — — — 128
דער וואָס ווייסט — — — — — — — — 129
דור פאר דור — — — — — — — — — 130
מענטש באַגער — — — — — — — — — 131
מיין פראָטעסט — — — — — — — — — 132
דעם נביא'ס וואָרט — — — — — — — — 134
מיין מאַמעס סידור — — — — — — — 135
איך זע דיין געשטאַלט — — — — — — — 136
א וואָרט — — — — — — — — — — 140
מיין תפילה — — — — — — — — — — 141

Denver Public
Library

GIFT OF

Mr. & Mrs. Ary Nidess
1963

R01059 56524